# יונג-יידיש

## צווייטער–דריטער בויגן



חנוך בארטשינסקי

פארלאג „יונג-אידיש״, לאדז.

פסח, תרע״ט.

דרוקעריי מ. מיזמאן, לאדז, צי

# „יונג-אידיש"

## לידער אין ווארט און צייכענונג — פון יעקב אדלער, חנוך בארטשינסקי, משה בראדערזאן, יצחק ברוינער, הערשעלע, ה. ל. זשיטניצקי, י. מ. ניימאן, יצחק קאצענעלזאן, מארק שווארץ, און אלימלך שמולאוויטש.

ההרים רקדו כאילים,
גבעות כבני צאן.



ווייט הינטער די הרי חשך, מוז אויפגיין די אהג'חיות'ריקע פארגליווערונג,— ווען עס שווינבלט און גריבלט א וואונדערבאר סודות'דיק לעבן, און פאר אונזערע נשמות און אויגן מארשירט דורך אין לאַטישן ריטם די רעאלע ממשות'דיקע טאג-טעגליכקייט.

קיין זאך, קיין לעבעדיק און טויט באשעפעניש און פאסירונג שטייט ניט אויף איין אָרט, נאר פירט איר אנטשטייענדיק, וואקסענדיק, בליענדיק און פארוועלקנדיק עקזיסטענץ. דער מהות—איז דאס רעאלע, דאס פאזיטיווע צו דאס נעגאטיווע אין אלע ערשיינונגען, און אונזער הייליק חוב און אויפגאב איז צו קאנקרעטיזירן, צו בארעכטיקן יעדער פולסירונג פונ'ם קיום, ווי מיר פילן עס און זעהען עס — סיי קערפערליך, סיי גייסטיק; און אלס קינסטלער און זוכער פון דעם אמת, זענען מיר קודם כל, דורך און דורך רעאליסטן אין אונזער מיסטיש גלויבן, אין אונזער סימבאליזם, אין אונזערע ווענדונגען צום אימפרע סיאניזם, עקספרעסיאניזם, קוביזם, ארער, ווי עמי הארצים — צו וועלכע, אגב אורחא, מי אפעלירן ניט — רופן עס אן, שפאָטנדיק פון זיך גופא, מיט א באגריף, וואס זאל מעשי בראשית אָן די אלע ווענדונגען כולל זיין, מיט'ן נאמען פוטוריזם.

טענה'ן אייניגע, אפילו רעוואלוציאנעריש געשטימטע, די וואס ווילן זיין ערנסט — מיר זענען צו פרי געקומען, א פשיטא שוין פאר אונזער הייפל אידישקייט, וואס מאגט נאך לגמרי קיין קולטור ניט...

זאל עס די ראזיקע מליצי יושר, צוליב זייער נאאיוויטעט, ניט גענומען ווערן אומגוט, דער פזמון זייערער קלינגט פאר אונז, ווי א שטייגער, מען וואלט געזאגט, עלסקייט און דער אמת זענען ניט מסוגל צו קומען אויף דער וועלט, מחמת ס'איז נאך פרי.. און דער אויסגעשפראכענער קינסטלערישער שקר, דער געמיינסטער חראניק-און-פאָ טאָגראַפישער נאטוראליזם דארף, הייסט עס, רופן צום סיני פון שענקייט דעם געגנווארטי מענטש'ס געפילן.

מעג אונזער רש"י, אונזער דערקלערער (קאָמענטאַר און קריטיקער בלע"ז) זיין ד גאונישסטער פארטייטשער און אויסטייטשער פון אונזער שאפן — בארארף אונזער השירים", דאס געזאנג פון אונזערע געזאנגען בלייבן אומבארירליך אליין, דאס וואס איז — דאס פאַקטישע ליר פון די לידער.

יעדער דערקלערונג מוז זיין נאר א פועל יוצא פון אינטעלעקטועלן נאכדענקן או רעגונג, וואס טאר בשום אופן קיינעם ניט, אפילו ביים געניסטן און גערעכטיקן רע זירן, נישט אָנגעהאנגען ווערן!

און שטעלן אונז ווערטערביכעריקע שאיני יודע לשאול'ס הארבע קלאָץ-קשיות קונסט. למשל, דערקלער זיי, וואס איז קונסט, אויב רענעסאנס-מאלעריי, וואס געפע און וואס זיי פאַרשטייען, איז קונסט (א ליגן! ניט איר פארשטייט, ניט עס געפעלט און אונזערע „אויסטערלישע משונה'דיקקייטן" איז אויך קונסט? — מוזן מיר איד ענטפערן מיט א קשיא אויף א קשיא:

—זייט מוחל, דערקלערט אונז אויף אייער נאטוראליסטיש לשון, וואס איז גאט איז מענטש? וואס איז נאטור?

—ס'טייטש, בא דעם זענען דאך דא דינים, עשרת הדברות, כללים, דאָגמען!

—בא אונז זענען זיי אויך דאָ!

און אויב מיר זענען טראדיציאנעליש, און אויב מיר האָבן אנ'אויפריכטיקן י הכבוד פאר אונזערע פירער, זענען עס — די שולן פון תנ"ך, פון דער גריכישער מיט לאגיע, פון שיר השירים, פון לאָרד בייראן, שעלי, פון די פראנצויזישע פארנאסער, „יו בעלגיען", ערנסט-טעאָדאָר-אמאדיי האָפמאן, עדגאר פאָע, ציפריאן-קאמיל נאָרוויד, פון די קלאסישע סקולפטור און מאלעריי-ווערק פון אלט גריכנלאנד און מצרים, פון פיריאס, דשוי טא, טיציאן, רעמבראנדט, לוקאס קראנאך. על-גרעקאָ, וואַן-האָג, סעזאן, פון פאלעסטר באך, בעטהאווען, וואגנער, גריג, שאָפען, סקריאבין, דעביוססי, און נאך, און נאך, און נ

זאלן די אלע האבן א ליכטיקן עולם הזה-גן ערן. און נאר זייערע הייליקע גייס זאלן משפט'ן אונזער אויפריכטיקקייט און אמת-זולעניש: דאמאלסט—וועלן מיר מיט'ן ל און ווייטער גיין!

אפגעהיט און באשירעמט זאלן מיר ווערן פון אומווירדיקע גלעטן און נארישע טימענטן, ארער, פארקערט, פון ווערטער-שפייעכצן און כעס און צארן=רעיונות און מ פון טויט-מח'דיקע, נשמה-פאר'סמ'טע בני ארם!

— דיינע ציינער זענען, ווי די ווייסע מילך-לעמעלעך"..

ק האלדז איז ווי א טורעם"..